Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Mosḳṿe, 1937

25

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

## 25

קוקט נאָך זשוקן טאָג און נאכט,
קוקט דער קירזשנער און ער טראכט:

ניט קיין ביסל, ניט קיין סאך —
ס'איז אזוי געווען די זאך.

א טרומפייט האָט שארף און שווערדיק
זיך צעוויכערט און צעפאָכעט,

ס'האָבן זיך צעטופעט פערדלעך,
אז דער טאָג געטאָן א בראָך האָט,

ווי א שויב פון זעקסטן שטאָק.
און סע רײַסט זיך און סע טראָגט.

און עס ליגן שוין דריַ ווענט
אָנגעכאפּטע, און — סע ברענט,

נאָר די פּערטע איז געבליבן,
ס'הענגט א זייגער און ער פּיבערט —

טופּען טלאָען אונטערוועגנס,
ס'איז דער זייגער — האלב זעקס!

נו, איז מען אריַין אין שטאָט —
ניט קיין טשאָפּרינעס, נאָר דראָט.

מ'איז אריַינגאנגען מיט געשריי,
און א נישטער און א דריי,

און א סמאָקע מיט די נעז;
יעדער נאָזלאָך איז א נעסט,

יערער נאָזלאָך איז א בלאָזזאק,
און די אויגן זיַינען גלאָזיק,

און פון שמויס איז יעדער וואָנצע,
מע באקוקט זיך, מע דערמאָנט זיך:

שוין געווען דאָ — א מאָל דריַ,
מוטער־לעבן, — פּראנק און פריַ!

קלאפּט א שטיין אין שטיין באַם ברוק:
ס'איז אין שטאָט אַרײַנגאַנ זשוק!

אויסגעבײַטלט ביז די דנאָענ
מיט א פּסורע פון מאַכנאָענ.

און א פּאָכע, און א פּאַכעד,
אויסגעפּאָכעט מיט פּאַפּאַכעס,

און צעפליגלטער געזעס,
אפ די זאָטלענ — שטײַפ און פעסט,

קאָצובייקעס און ראָטאָנדעס
אפ די זײַטנ אָנגעטאָנ דאָס,

און מיט שטרײַמלענ און מיט פּרעק,
און מיט שווערדנ אָנ אנ עק!

האָבנ גלײַכ געמאָלדנ געסט:
— קאָוועד — דריטע! ביטע — קעסט! —

פּאָכענ פערדלעכ מיט די ווײדלענ,
טוט דעמ אלטנ וועג ניט וויי דענ

פון די טלאָענ, פון דעמ טראָט
און פון גאַנצנ גאַרדעראָב?

זיבנ בײַדלעכ, ווי די בעכער,
דרײַ — מיט לאַטעס, פיר — מיט לעכער.

און מע טראָגט זיכ, אונ מע שפּאַרט,
אונ אפ איינס איז — א לאָמבאַרד.

רײַטער — אירע ווי די שראַנקענ,
אונ טאַטשאַנקע נאָכ טאַטשאַנקע,

אונ עס קומענ נײַע אָנ —
צעלניק אונ קאָנפעקציאָנ.

דאַמענ-העמדער: נעמ פּאַרטו זיי,
אונ קאָרסעטנ אונ רעטוזנ.

אונ ווי פאָנעג אפנ דרויסנ
אלטע פיזעמער אונ שמויסנ,

ווי די לייבנ, ווי די וועלפ,
גאָטעניו געטרײַער — העלפ!

אונ באַשליקנ, פייגל פליִענ.
אונ דער וועג איז — אפ וווּהינ?..

אז צומ טויט א קורצער שפּאַנ איז, —
בענקענ דענ ניט די זשופּאַנעס

נאָכ א היימ אונ נאָכ א שטוב?
נאָר דער ווינט איז בייז אונ שטופּט

בויד אפ בויד אונ ראָד אפ ראָד, —
וועמעס פּיס אונ וועמעס טראָט?

נ'ווי א קימפּעטאָרנ מיד,
של'עפּט די קיכ זיכ אינ דער מיט.

אפ דער קעל'ניע מ'איז געשטאנענ,
איינער, נאזנדיק, אינ טשאנ איז.

יאָגט מענ. רײַט מענ. גרײַפּט מענ אָנ.
פּאָרנט פּל'אטערט שווארצע פאָנ.

א סאָראָקע. א טשומא —
— מא!

---

ניט קיינ ביסל', ניט קיינ סאכ —
ס'איז אזוי געווענ די זאכ:

ווער ס'באהאלט זיכ, ווער סע זוכט,
זאָגט דער קירושנער צו זײַנ זונ:

—גיב נאָר דאָרט א קוק, מויסיי —
ווער סע גייט דאָרט צווישנ זיי?

ווײַסע, רויטע, צי אזוי,
גיב א קוק אינ פענצטער — אוי!

אז ס'איז אָכ אונ וויינד אונ ווײ —
אז דעמ טאל'עס ווילנ צוויי...

און דער טאלעס איז — ראסיי,
גיב א קוק דאָרטנ, מויסיי!

דער איז ווײַס און דער איז רויט,
שלאָגט זיכ אײַכ געזונטערהייט!

וואָס קער זיכ דאָס אָנ מיט מיר —
נעמ, מויסיי, פארשליס די טיר! —

ס'האָט דער טאָג געטאָנ א פאל.
ווער ס'איז יונג, און ווער ס'איז אלט...

אלע ליגנ שוינ פארקילט,
און ס'איז הילכיק און ס'איז שטיל...

גריוועס פלאקערנ בא פערד —
— גייענ זיי דיר אלע נ'דר'ערד! —

הייבט זיכ אופ פונ שליאכ א שטויב,
קלאפט מענ אָנ צו אימ אינ שויב.

גיט דער שטויב דעמ טאָג א ריר,
קלאפט מענ אָנ צו אימ אינ טיר,

און — א בראָכ, און — א ריס,
נאָר באמ קירזשנער ווינט א קריסט.

א פאפאכע גיט א קריכ:
— עפנ, מאָרדע, עפנ גיכ! —

א פּאָר אויגן און א נאָז —
ניט קיין נאָז, נאָר אַן אָבאָז.

זאָגט דער קירזשנער: — לאָז, מויסיי,
איך וועל ריידן! כ'וועל אליין!

איך בין עלטער. ס'מאַכט ניט אויס,
אויב דו קאָנסט, איז... גיי ארויס...

קוקט פּאַפּאַכע זיך ארום —
ווער סע גייט און ווער סע קומט.

— ווײַז נאָר, מאָרדע, וואָס דו האָסט, —
גיט א גיי אין שטוב א פּראָסט.

און א ווינט און א וויכער —
און פּאַפּאַכע רעדט שוין גיכער:

— פּאַקעווע זיך גיך צונויף,
און א קויל — ווער סע לויפט!

נו, געגאַנגען — שנעל! געשווינדער!
ריידן וועסטו אפן צווינטער!

יעדע רעגע טײַער קאָסט,
ווײַז זשע, מאָרדע, וואָס דו האָסט! —

קוקט דער קירזשנער הין און הער,
און ער גיט דעם קאָפּ א קער

און ער גיט דעם קאָפּ א דריי:
— גיי ערגעץ אוועק, מויטיי! —

ווייַזט דער קירזשנער: — ס'איז מייַן זאָהן...
עפּשער דאַרפט איר א פּאסאָן?

אָט אזא מיט א באראשעק,
מיט א קנאָפּ און מיט א דאשעק...

א באראשעקל ווי זייַד —
פּונקט ווי פון דער אלטער צייַט,

און איינמיטן מיט א פּאס,
ס'וואָלט אייַך זייער שיין געפּאסט! —

און זייַן באָרד זיך גיט א הייב —
א באראשקענע מיט שטויב:

— עפּשער דאַרפט איר א פּאסאָן
אָט אזא ווי נאפּאָלעאָן?..

איז אָט האָט איר א פּאסאָן,
און אָט דאָס איז אונדזער זאָהן.

און אָט דאָס איז אונדזער קריסט,
און דער קריסט איז אַן ארטיסט,

און געווען מ'איז שוין פון אייַך,
גלייַך ווי איר זייַט נאָר ארייַן. —

און דער קירזשנער טריפט און טײַעט:
— פריִער. ערשט מיט א טאָג דרײַ!

צוגענומען פאר דער פרײַ
אלץ, וואָס דינען קאָן געטרײַ.

זיי זײַנען געווען פיר,
ווען איר קומט א ביסל פריִער...

דינסטיק אקוראט, — דערמאָנט ער, —
ווען איר קומט אהער כאָטש מאָנטיק...

צוגענומען, אויסגעראמט —
ס'איז שאָד... איר האָט פארזאמט!.. —

— מאָרדע! רייד ניט אזוי גיך, —
גיט פונסנײַ א גיי א וויכער.

נאָר דער קירזשנער רעדט פון היץ.
ס'בלאנקט ס'געמעל — אפ דרײַ געשפיצט.

און ער הערט ניט. פינטלט בלויז:
כ'בעט דיך, גיי, מויסיי, ארויס...

און ער הערט ניט און ער רוישט;
אלץ, וואָס איז געווען, איז אויס!

צוגענומען ביז דעם ביין —
אָפגעשונדן — איר אליין,

צי אזעלכע פונקט ווי איר, —
און דורך איר — דורך דער טיר.

זיבן העמדער, ווי די בעכער,
פיר מיט לאטעס, זעקס מיט לעכער,

און דאָס שטויסל — האָט איר צוויי...
וויי איז מיר, ביסט דאָ, מויסיי?

זיבן לײַכטער, ווי די וואזעס,
איך זאָל האָבן אזא מאזל,

איך זאָל האָבן אזא יאָר, —
און די פייסעכדיקע קוואָרט.

אָפּגעפּוצט מע האָט זי נאָרוואָס,
מ'איז צום טײַך געגאנגען באָרוועס,

מ'איז פון טײַך געקומען שפּעט,
ניט קיין שטוב און ניט קיין בעט,

נאָר א פויק דערלאנגט א טופּ האָט, —
וועמען פירט מען צו דער כופּע?

ניט באזעצט און ניט באווײנט,
נאָר א קוויטש און א געשריי,

און א וואלגער מיטאמאָל,
טויט־באלייגטע — אפן פּאָל...

דאָס איז אַלץ, וואָס איז געווען
פון דער סטעליע ביז די ווענט,

און געבליבן איז מײַן זאָהן,
און די מאָס און דער פּאַסאָן.

איז דאָס ערשטע וואָרט — באַפעל מיר.
כ׳וועל דיר מאַכן פון ווילהעלמען

פון קערענסקין און פון ווייס איך...
און אפילע פונעם קייסער.

נ׳האָב אַפ מיר ניט קיין פּאַרדראָס,
לאָז מיך נעמען נאָר די מאָס!

קיין פּאַריבל, האַר, ניט האָב,
האָס איינגאַנצן האָסט איין קאָפּ —

און ער טראָגט זיך דיר גאַלאָפּ... —
— האָפּ!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

קוקט דער קירזשנער איצט אַפ זשוקן,
ווי ער שיט דאָס גלאָז פאַר צוקער

אוראָם־הערשן אין דער טיי,
און ער גיט אַ ציטער: — שטיי!

אָן אַ פינטל מיט דער ברעם
גיט דאָרט זשוקן גלײַך אַ נעם

אווראָמ־הערש אונטער דער פּאכווע:
— איצטער דארפסטו שוינ קיינ דאכ ניט.

ניט קיינ היטל, ניט קיינ שטוב,
איצטער בעט בא גאָט א גרוב!

אונ ס'איז וואסקע זשוק שוינ מער
ניט געקומענ אינ קאריער.